STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01613

A DROSHE

Joseph Dov Soloveitchik

Permanent preservation of this book was made possible
by Hubert & Myra Hecht
in memory of
Florence & Harry Mabel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ דרשה

פון

יוסף דוב הלוי סאָלאָווייטשיק

(פולער טעקסט פון זיין רעדע אויף דער קאָנוועגשאָן
פון מזרחי־הפועל המזרחי פון אַמעריקע
אין אַטלאַנטיק־סיטי, כסלו, תשכ"ב)

אַרויסגעגעבן פון
מזרחי־הפועל המזרחי פון אַמעריקע
ניו־יאָרק תשכ"ב

Printed by Futuro Press, Inc.
476 Broadway, New York 13, N. Y.

200

ב"ה

אַ וואָרט צו די לעזער

פון הרב מרדכי קירשבלום

פרעזידענט, מזרחי־הפועל המזרחי פון אַמעריקע

עס איז פאַר אונז אַ טיפע באַפרידיקונג און מיר באַטראַכטען עס פאַר אַ גרויסען זכות צו פאַרעפענטלעכען דעם פולען און אויטאָריזירטען טעקסט פון דער רעדע וואָס אונזער מורה־דרך, הגאון ר' יוסף דוב הלוי סאָלאָווייטשיק שליט"א, האָט געהאַלטען אויף דער לעצטער קאָנווענשאָן פון מזרחי־הפועל המזרחי פון אַמעריקע אין אַטלאַנטיק סיטי.

הרב סאָלאָווייטשיק רופט עס „אַ דרשה", אָבער די אַלע וועלכע האָבען עס געהערט פון אים און זיינען בעת מעשה דערהויבען געוואָרען צו די העכסטע הויכען פון אינטעלעקטועלער באַגייסטערונג, האָבען געפילט, אַז אָט־די „דרשה" שטעלט מיט זיך פאָר אַ טיפזיניגע און אומפאַסענדיגע פּרעזענטאַציע פון רעליגיעז־נאַציאָנאַלען געדאַנק און זיין פערמאַנענטע צייטמעסיגקייט. עס איז דערפאַר געווען אַלעמענס וואונטש, אַז די דאָזיגע פאַקטישע פּראָגראַם־רעדע זאָל אָפּגעדרוקט ווערען כדי אַז אויך די, וועלכע זיינען ניט געווען אַנוועזענד, זאָלען טיילען דעם גייסטיגען גענוס לייענענדיג דעם טעקסט אין בראָשור־פאָרם.

מיר זיינען דאַנקבאַר אונזער חשוב'ן פריינד, אָסקאַר גרוס, פאַר דער־מעגלעכען אָפּצודרוקען און פאַרשפּרייטען אָט־די רעדע צווישען די אידישע מאַסען, און מיר דריקען אויס אונזער אָנערקענונג צו הרב דוד טעלזנער, פאָרזיצער פון דער קאָמיטע פאַר געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען ביים מזרחי־הפועל המזרחי פון אַמעריקע, פאַר זיין הילף אין פּובליקירען אָט־די אינספּירירענדיגע אָפּהאַנדלונג.

א

חכמה, בינה, דעת

דער פסוק אין כי תשא (לא, ג) זאָגט „ואמלא אותו רוח א־לקים בחכמה ובתבונה ובדעת וכו׳". די איינטיילונג פון וויסן אין דריי פאַזן: חכמה, בינה, דעת, איז אַ יסוד היסודות אין חכמת הנסתר.[1] איך קען ניט אַריינגיין אין אַן אויספירלעכער אונטערזוכונג פון די דריי גרונט־באַגריפן על פי הקבלה. איך וועל זיך נאָר אָפּשטעלן אויף איין אַספּעקט פון דער טיפער מיסטישער אַנאַליזע פון די דריי סטאַדיעס, אין וועלכע דער פּראָצעס פון וויסען און פאַרשטיין איז קלאַסיפיצירט געוואָרען דורך יהדות, נעמלעך אויף דעם הבדל צווישען חכמה און בינה.

וואָס איז דער אונטערשייד צווישען חכמה און בינה? חכמה איז דאָס געבורט פון וויסן,[2] פון אינטעלעקטועלער אויפפאַסונג. ניט אומזיסט האָט דער תרגום ירושלמי איבערזעצט — אין איינקלאַנג מיט אַלע בעלי הקבלה — „בראשית ברא א׳" — בחוכמתא ברא א׳ ית שמיא וית ארעא. חכמה איז דער ראשית הכל, דער קוואַל, פון וועלכען אַלץ פליסט, די נקודה קדמאה, די התחלה פון דער באַשאַפענער, מאַטעמאַטיש רעגולירטער וועלט. חכמה איז דער יוד אין שם הויה, דער מקור פון שכליות און שעפערישקייט. בינה, דאַגעגען, באַצייכענט אַ מער פאַר־געשריטענע פאַזע, ווען דאָס קרישטאַל בלויע וואַסער, וואָס שפּרודעלט אַרויס פון דעם מעין החכמה ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ ברייטען שלענגעלדיגען טייך, אין דער בחינה „ונהר יוצא מעדן", ווען די נקודה הויבט זיך אָן צו באַוועגען און שאַפט אַ ליניע וואָס באַוועגט זיך און צייכענט אָן אַ צוויי־דימענסיאָנעלן שטח, ווען דער יוד ווערט אַנטוויקעלט אין אַ

---

[1]) פאַרגלייך דעם פסוק אין משלי ג׳, י״ט, כ׳.

[2]) רש״י אין כי תשא האָט געטייטשט די דריי טערמינען אין אַ סדר וואָס איז אַנדערש און כמעט פאַרקערט פון דעם, וועלכען די חכמי הקבלה האָבען אָנגענומען.

הרחבה׳דיגען ה׳. אין מאָדערנע קאַטעגאָריען מיינט חכמה דאָס אינטו־איטיווע דענקען, דאָס אויפליייכטן פון געפילס־שכל, דאָס ערשטע אויפ־בליצען פון די יסודות, פון די עקרים, אָדער אַקסיאָמען, בשעת בינה באַציט זיך אויף דעם דיסקורסיוו־אַנטוויקעלטען און פונאַנדערגעגלידערטן שכל, וועלכער איז אַ מבין דבר מתוך דבר, אויף דאָס אַנאַליזירען און פונאַנדערוויקלען פון די יסודות וועלכע די חכמה אינטואירט און פאָ־סטולירט. דער ערשטער דבר ווערט געבוירן אין דער מיסטעריעז־אומ־ענדלעכער וועלט פון חכמה, דער צווייטער — אין דער פשוט׳ער און באַ־גרעניצטער וועלט פון בינה.

אויף יעדען געביט מוז מען אָנהויבען מיט חכמה. אין יעדער וויסענ־שאַפטלעכער דיסציפּלין זיינען דאָ יסודות וועלכע מען קען ניט מסביר זיין דורך בינה; מען קען זיי פילען, מען קען זיין איבערצייגט אינטואי־טיוו אַז זיי זיינען ריכטיג, אָבער באַווייזען זייער ריכטיגקייט איז אומ־מעגלעך. אויב אַ מענטש איז ניט געבענטשט פון בורא עולם מיט חוכמתא, מיט דער נקודה קדמאה, מיטן כח פון בראשית צו פילען און זען דעם אמת שיינענדיג מיט אַ וואונדערפולער ליכטיגקייט פון ווייטע האָריזאָנטען, דאַן איז ניטאָ קיין פעדאַגאָג, וועלכער זאָל קענען אים מסביר זיין די אורשפּרינגלעכע יסודות, וועלכע זיינען זיך מתגלה צו דעם אינטואיטיווען שכל. זעט איר, ווען איינער איז זיך מתקשה אויפן געביט פון בינה; ער פאַרשטייט ניט די מסקנות, דעם קאָמפּליצירטען סיסטעם־אויפבוי פון אַ באַשטימטער שיטה — דאַמאָלסט איז דאָ אַ תרופה למכתו. אויב ער האָט נאָר דורכשניטלעכע כשרונות קען אַ גוטער רבי מסביר זיין אים אַ סך זאַכען און מאַכען דאָס קאָמפּליצירטע פשוט. וויכטיגער פון אַלץ איז דאָס פילען פון בראשית, פון אַקסיאָמאַטישע אמת׳ען אויף יעדען געביט: וויסענשאַפטלעכען, פילאָזאָפישען און אויך לומדות׳שען.

דער ענין פון חכמה, נקודה קדמאה, בראשית, איז זיכער אויך וויכטיג אין אונזער פּראַקטישען דענקען און האַנדלען. ווען אַ מענטש וויל עפּעס לייסטען, דערגרייכען באַשטימטע אָביעקטיוון; ווען ער וויל פאַר־ווירקלעכען אַ גרויסען פּראָיעקט, מוז ער געפירט ווערען דורך חכמה, דורך דעם בראשית־געפיל; ער דאַרף קודם־כל אינטואיטיוו פילען, אַז דער פּראָיעקט קען רעאַליזירט ווערען, אַז זיין וויזיע איז ניט קיין פוסטער חלום. דער בליץ, דער איינפאַל, דאָס תופס זיין די יסודות — קומט דורך חכמה, דער נקודה קדמאה. די בינה, דער אויסוואל פון מיטלען און דאָס דעטאַליזירטע וויסען קומען שפּעטער. איינער, וועמען די אינטואיציע פעלט, קען בכלל ניט אונטערנעמען קיינע אויפגאַבען, — ניט אויפן

קהל׳שען און ניט אויפן פריוואַטען געביט. אַ גרויסער דיפּלאָמאַט איז ניט דער, וועלכער קען אויסאַרבעטען אַ מעמאָראַנדום — דערויף זיינען דאָ עקספּערטען — נאָר דער, וועלכער האָט וויזיע, דער וואָס פילט דעם פּולס פון געשיכטע, טאַפּט אָן די יסודות פון פּאָליטישער עקזיסטענץ. אַ גרויסער סוחר איז ניט דער, וועלכער קען רעכענען גוט און פירען זיינע ביכער — דערצו איז דאָ פּראָפעסיאָנעלע הילף, — נאָר דער, וועלכער האָט אינטואיציע און קען אינסטינקטיוו אַנטדעקען אַן אוצר. קורץ — בראשית איז דער יסוד פון אַלץ.

ב

הרוצה לטעות — יטעה!

אויך היינט בייננאַכט וויל איך צוגיין צו אונזער באַוועגונג פון שטאַנד־פּונקט פון חכמה; איך וועל זיך אָפּשטעלן אויף דער נקודה קדמאה פון אונזער אידעאָלאָגיע, אויף אירע אַקסיאָמאַטישע אמת׳ען, וועלכע מען פילט מיטן קאָפּ און מיטן האַרצען, אָבער וועלכע מען קען ניט מסביר זיין. איך וויל זיך ניט מתווכח זיין מיט קיינעם, ווייל יסודות קען מען ניט דעבאַטירן — אָדער מען נעמט זיי אָן, אָדער מען וואַרפט זיי אָפּ. אַ שקלא וטריא איז איבעריק און בוצלאָז. ווי האָט דער רבש״ע געזאָגט משה׳ן, ווען ער האָט אים געפרעגט ביים שרייבען „נעשה״: מה אתה נותן פתחון פה למינים? אמר לו, כתוב, והרוצה לטעות יטעה! ווער עס פילט ניט בכל לבו ונפשו דעם אמת פון אחדות הבורא, וועט אים אַפילו דער „אעשה״ אויך ניט איבערצייגען; ער וועט ניט געהאָלפען ווערען, אַפילו ווען די תורה וועט זיך באַנוצען מיט לשון יחיד; פאַרקערט, דער, וועמען דער בורא עולם האָט געבענטשט מיט וואונדערלעכער בראשית אמונה, וועט קיין קשיות ניט פרעגען אויף דער פּלוראַל־פאָרם פון נעשה!

ג

דער ערשטער יסוד — אתה ד׳ לעולם תשב!

מיר דוכט זיך, אַז דער בראשית פון אונזער באַוועגונג, די נקודה קדמאה, קען מען פאָרמולירען אין דריי יסודות. לאָמיר זיך איצטער באַנוגענען מיט צוויי, דעם דריטען וועלען מיר לאָזען אויף שפּעטער.

דער ערשטער בראשית־אמת פון אונזער באַוועגונג איז אונזער אינטואיטיווע איבערצייגונג, אַז די גרינדונג און די דרייצען־יאָריגע עקסיסטענץ פון מדינת ישראל דאַרפֿען פאַררעכענט ווערען ווי אַ וואונדער־געשעעניש פון אומגעהויערער באַדייטונג אין אונזער געגענוואַרטיגער געשיכטע. נאָר דער חסד ה׳ מן העולם ועד העולם האָט עס מעגלעך געמאַכט. די מדינת ישראל וועט אונז אידען אין דער תפוצה העלפֿען אויפֿצוהאַלטען אונזער אידענטיטעט און זעלבסט־ווירדע. איך זאָג ניט, אַז זי אַליין איז בכח צו לייסטען די שמירה מעולה פון אונזער המשך און קיום אַלס אַן עם לבדד. אָבער, איינס איז זיכער, אַז זי וועט אַ סך פאַרלייכטערען אונזער אַרבעט אויפֿצוהאַלטען אַן אַליין־עקסיסטענץ (אַ מין ראָבינזאָן קרוזאָ עקזיסטענץ) אויף אַ קליינעם אינזעל אין מיטען פון אַ שטורעמדיגען ים פון אַסימילאַציע, שנאה און גייסטיגער דיסאינטעגראַציע. איך ווייס, אַז אַ סך וועלען מיט מיר ניט מסכים זיין בנוגע אָט־דער הנחה, אָבער פאַר מיר איז דער צוגאַנג בבחינת מושכל ראשון, אַ בראשית־אמת. מיין בראשית־געפיל, די נקודה קדמאה, דערציילט מיר, אַז פונקט ווי די חכמי התלמוד והמדרש און די חכמי ימי הביניים האָבן אָפגע׳פסקנ׳ט: „אין הטבע עושה דבר לבטלה״,[3] אין דער בריאה האָט יעדער זאַך אַ תכלית און דער רבש״ע האָט ניט באַשאַפען אַפילו דעם קלענסטען שלשול שבים צוועקלאָז, אומזיסט, סתם אַזוי; אַזוי פיל איך, אַז „אין בדברי ימי ישראל דבר לבטלה״, און אויב אין יום הששי, ח׳ אייר, האָט דער רבש״ע געזאָגט „תהי מדינת ישראל!״ איז זיין מאמר ניט לבטלה, און זיינע רייד בלאָנדזשען ניט אַרום, ח״ו, ווי נשמתין ערטילאין אין אַ מדבר־וועלט. דעם רבש״ע׳ס תהי איז דער געגענזאַץ פון תהו!

דערלויבט מיר צו זאָגען אַ פּאָר ווערטער צו די סקעפּטיקער. אמת, איך קען ניט ברענגען קיין ראיות, אַז די הנחה איז ריכטיג, אָבער אַף על פי שאין ראיה לדבר, זכר לדבר. אויב איר ספק׳ט זיך אין דעם בראשית־יסוד, פוק חזי מה יאמרו שונאי ציון; זייער יחס צו מדינת ישראל איז זייער כאַראַקטעריסטיש. מיר האָבען שטענדיג געהאַלטען על פי ההלכה, אַז אויב אַ שונא אַטאַקירט אַ באַשטימטע אינסטיטוציע אין יהדות, איז עס אַ סימן, אַז זי איז יסודות׳דיג און פון גרויס חשיבות. מיר האָבן אָפגע׳פסק׳נט, אַז „בשעת הגזירה אפילו על ערקתא דמסאני

[3]) שבת ע״ז, ע״ב „אמר רב יהודה אמר רב כל מה שברא הקב״ה בעולמו לא ברא דבר אחד לבטלה״. עיין ויקרא רבה, כ״ב, ב׳; קהלת רבה, ח׳, א׳, תנחומא סדר חקת א׳; מורה נבוכים, ח״ג, פרק כ״ה.

יהרג ועל יעבור״ — דאָס פאַרב פון שנירל שטעלט מיט זיך,[4] אין פלוג, ניט פאַר קיין יסוד, פאַר וועלכען מען מוז זיך מוסר נפש זיין. וואָס איז דען דער אונטערשייד צווישען אַ ווייסען און אַ שוואַרצען שנירעל! אָבער ווען אַן אנס קומט און גרייפט אָן אפילו דעם קלענסטען מנהג, ווערט דער מנהג פאַרוואַנדעלט אין אַן עיקר, ווי דער איסור ע״ז, ג״ע וש״ד, און מען מוז זיך מוסר נפש זיין. אויב דער שונא גרייפט אָן דעם ערקתא דמסאני, איז עס אַ הוכחה, אַז עס איז כדאי זיך מוסר נפש זיין פאַר דעם מנהג קל. אונזערע שונאים האָבען שטענדיג באַזעסען בלעמ׳ס טייוולאַניש־פּראָפעטישע פאַרויסזעהונגסקראַפט און געניאַלע אָפּשאַצונגס־פעהיגקייט בנוגע אונזערע אינסטיטוציעס. זיי האָבען תמיד אָנגעגריפען די צענטראַלע און חשוב׳ע אידישע מוסדות פון וועלכע אונזער קיום און המשך זיינען אָפּהענגיק. שוין אין אַלטערטום האָבען זיי אויסגעלאָזען זייער כעס צום בית המקדש, שבת, מילה און ספּעציעל צו תלמוד תורה (שבע״פּ). די שנאה צו תורה איז אַריבערגעפירט געוואָרען אין מיטל אַלטער, ווען מען האָט גמרות געברענט און אַלערליי בלבולים אויפן אידישען „תלמודיזם״ אויס־געטראַכט. אויף דער שנאה צו תורה שבע״פּ שטויסען מיר זיך נאָך היינט אָן אפילו אין די מאָדערנע טעאָלאָגישע שריפטען פון דעם אַזוי גערופענעם ליבעראַלען פליגעל פון דער קריסטלעכער קירך. די טעאָלאָגען ווייסען גאַנץ גענוי, אַז די תורה שבע״פּ איז די איינציגע מחיצה וואָס טיילט אָפּ דעם אידען פון דעם ניט־אידען. יע, מיר קענען זיך פאַרלאָזען אויף אונזערע שונאים ווען עס האַנדעלט זיך וועגען דער אַקסיאָלאָגישער אָפּשאַצונג פון אַ אידישער אינסטיטוציע. זיי זיינען די בעסטע פּוסקים!

ווען מיר זעען ווי אַלע שונאי האומה האָבען קאָנצענטרירט זייער כעס און צאָרען (וואָס איז אייגענטלעך געריכטעט קעגען אונזער פאָלק) אויף דער מדינה; ווען מיר באַמערקען ווי זי איז געוואָרען דאָס ציל־ברעט פאַר אַלע אָנגריפען און בלבולים; ווען מיר נעמען דעם פאַקט אין אַכט, אַז די עקסיסטענץ פון דער מדינה שטערט נאַסער׳ן, כרושטשעוו׳ן, נעהרו׳ן און אויך אַ סך קריסטלעכע גייסטלעכע, — איז עס דער בעסטער סימן, אַז די מדינה האָט אין זיך גרויסע באַהאַלטענע כחות און אַז זי, טראָץ

[4]) עיין בפירושו של ר״ת תוס׳ דה׳ אפילו, סנהדרין, ע״ד, ע״ב, כמו כן עיין שם ברש״י שכתב: „שאין כאן מצוה אלא מנהג בעלמא״. דרך אגב, רש״י איז מפרש דעם מאמר אין שייכות מיט׳ן צורת הקשר און ניט מיט׳ן קאָליר, ווי דער ר״ת. דער רמב״ם האָט זיך אויסגעדריקט: „אפילו אחת משאר מצוות״, און האָט ציטירט רבי יוחנן כמעט בוכשטעבליך: „אפילו מצוה קלה״. עיין בכ״מ שמה.

דעם שטויב פון חולין וואָס באַדעקט איר, באַזיצט אינערע קדושה וואָס פליסט פון קדושת הנצח פון דער כנסת ישראל.

על הר ציון ששמם שועלים הלכו בו — פון דער טאַטזאַך אַליין, וואָס דער וויסטער הר ציון האַלט נאָך אין איין רייצן די שועלים, וועלכע קענען רואיק ניט צוקוקען צו אַ מדינה, קליין און אָרעם, זאַמדיג און הייס, מיט אַ שטיינערנעם באָדען און מיט קופערנע הימלען — ניין חדשים פון יאָר; פון דער עובדא אַליין, אַז די שועלים האַלטען אין איין אַרומגיין נערוועז אַרום דעם הר ציון, אין איין זוכען חסרונות, מקומות התורפה, עוולות אין דעם הר־ציון, אין איין אינטריגירען קעגען אים; פון דעם פאַקט אַליין וואָס די שועלים, וועלכע קאָנטראָלירען אומגעהויערע שטרע־קעס פון לאַנד, מעכטיגע מלוכות, צענדליגער און הונדערטער מיליאָנען מענשען, האָבען אַן אומפאַרשטענדלעכען פחד פאַר און אַ פּאַראַדאָקסאַלע שנאה צו דעם הר ציון ששמם, פאַר דער האַלב־וויסטער מדינה; פון דער משוגענער דערשיינונג אַליין, וואָס די שועלים, אין אַ צייט, ווען די וועלט שטייט אויפן אָפּגרונט פון משוגעת און טאָטאַלער פאַרניכטונג, קענען ניט פאַרגעסען דעם הר ציון און מדינת ישראל, שרייט אַרויס דער גרויסער בראשית־אמת, די נקודה קדמאה, אַז „אתה ה׳ לעולם תשב, כסאך לדור ודור", אַז אין ארץ ישראל און אין מדינת ישראל, טראָץ די בערג פון חול, פון וואַכענדיגען זאַמד, וועלכע פאַרשטעלען דאָס ליכט און דעם שיין פון קדושה, געפינט זיך דער אייביגער כסא הכבוד פון בורא עולם. דעם גרויסען אמת האָט געוואוסט ר׳ עקיבא ווען עס האָט אים באַהערשט אַ געלעכטער פון פרייד, אמונה אין נצחון, אין דער בחינה פון „ויפול על פניו ויצחק", דערזעענדיג אַ שועל יוצא מבית קה״ק.

ד

דער צווייטער יסוד — לא בשמים היא!

דער צווייטער בראשית־אמת, אויף וועלכען אונזער באַוועגונג איז באַגרינדעט דריקט זיך אויס אין אַ פערצנטן „אני מאמין". אין וואָס באַשטייט אָט־דער אני מאמין? אין אַ פּשוט׳ער דעקלאַראַציע: „אני מאמין באמונה שלמה שזאת התורה נתנת לקיום, לגישום ולריאליזציה מלאה בכל מקום ובכן זמן, בכל המערכות החברתיות, הכלכליות והתרבותיות; בכל הנסיבות הטכנולוגיות ובכל התנאים הפוליטיים". די תורה איז

רעאַליזירבאַר שטענדיג און אומעטום, אין אַלע געזעלשאַפטלעכע, עקאָנאָמישע און קולטורעל־פּאָליטישע קאָנסטעלאַציעס און אומשטענדען; די תורה איז רעאַליזירבאַר סיי אין דער איינפאַכער און האָמאָגענער געטאָ געזעלשאַפט און ווירטשאַפט, וואו אידען זיינען געווען בבחינת „אוכלי מן" און וואו די גאַנצע סביבה איז געווען דורכגעווייקט מיט אידישקייט און וואו די גאַס איז געווען אַ המשך פון דער היים און סיי אין דער קאָמפּליצירטער, טעכנאָלאָגיש־אַנטוויקעלטער און וויסענשאַפטלעך־אויסגעפלאַנירטער מאָדערנער געזעלשאַפט און ווירטשאַפט, וואו דער איד איז אינטעגרירט אין זיין סביבה און וואו דער רשות הרבים האָט קיין קשר ניט מיטן רשות היחיד פון אידען; די תורה איז רעאַליזירבאַר סיי אין גלות, וואו זי פאַרנעמט זיך מיט דעם פּריוואַטען לעבען פון אידען, און סיי אין אַ אידישער מדינה, וואו זי מוז זיך באַשעפטיגען מיט נייע פּראָבלעמען און אַרומנעמען עפענטלעכע לעבענס־פאַרמען. דעם אני מאמין האָט פאַרמולירט משה רבינו דעם לעצטען טאָג פון זיין לעבען בשעת ער האָט זיך געזעגענט מיט אידען, וועלכע האָבען געהאַלטען ביים איבערגיין פון אַ מדבר וואַנדער־לעבען צו אַ מלוכה־לעבען אין ארץ ישראל: „כי המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא וכו׳ כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו". ניט נאָר אוכלי מן, באַשיצט דורך די ענני הכבוד, נאָר אויך די באי הארץ, וועלכע מוזן אַנטוויקלען אַ וויסטע לאַנד און אָרגאַניזירען אַ מלוכה געזעלשאַפט קענען אָפּהיטען די תורה.

באמת איז דער אני מאמין מרומז אין דעם ניינטען עיקר פון „זאת התורה לא תהא מוחלפת". אָבער יעדער איד האָט געדאַרפט פּראָקלאַמירען דעם יסוד קלאָר און דייטלעך יעדען פרימאָרגען ווען ער פאַרענדיקט דאָס זאָגען פון די איבעריקע אני מאמינ׳ס. וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס כסדר׳דיגע איבער׳חזר׳ן פון די אני מאמינ׳ס, אויב מען גלויבט ניט, מיטן גאַנצען האַרצען, אין דער רעאַליזירונג פון דער תורה אַלעמאָל און אומעטום.

דער אני מאמין שליסט אויס צוויי שיטות, וואָס אויפן ערשטען אויגענבליק זיינען זיי ווייט איינע פון דער אַנדערער כרחוק מזרח ממערב. פון איין זייט שליסט אויס דער אני מאמין אַלע עקספּערימענטען פון די מתקני דת — רעפאָרמער למחצה, לשליש ולרביע — וועלכע טענה׳ן, אַז די הלכה אין איר שלמות פּאַסט זיך ניט אַריין אין די ראַמען פון אונזער וויסענשאַפטלעך־אינדוסטריעלער געזעלשאַפט, און אַז כדי צו ראַטעווען דעם שטאַם, מוז מען אָפּשניידען די צווייגען. דער אני מאמין פון „כי

קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו" שטעלט פעסט אַז די הלכה איז אַלעמאָל אַקטועל און גילטיק (אַפילו אין 1962).

אָבער, דער אני מאמין פון „כי קרוב אליך הדבר מאד" וואַרפט אויך אָפּ אַן אַנדער שיטה, נעמלעך, אַז פרישה מן העולם איז דער איינציגער וועג צו קיום תורה. אין אַנדערע ווערטער, די פאַרטרעטער פון שיטת הפרישה, פולשטענדיגער סעפּאַראַטישקייט, זיינען מודה בשתיקה צו די מתקני דת, אַז אין דער מאָדערנער קולטור־היסטאָרישער קאָנסטעלאַציע זיינען שמירת המצוות און לימוד התורה כמעט אוממעגלעך. אויך זיי פעלט די אינערע איבערצייגונג, אַז די תורה, אַלס תורת הנצח, קען פאַר־ווירקלעכט ווערען אין אַלע סאָציאָלאָגישע טראַנספאָרמאַציעס צו וועלכע אַ דינאַמישע געזעלשאַפט, וואָס שטייט קיינמאָל ניט אויף איין פּלאַץ און וואָס האַלט זיך ווי אַ מעכטיקער שטראָם אין איין באַוועגן, איז אונטער־וואָרפן, בשעת די מתקני דת קלייבען אויס איין לייזונג, ווילען זיי אויס אַן אַנדערע וועלכע איז דער היפוך פון דער ערשטער. מיר וואַרפען אָפּ די שיטת ההתבדלות אַלס געפערלעך פאַר דעם קיום האומה. אונטער די אומשטענדען, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען אין די לעצטע צוואַנציג יאָר, ווען דער רוב מנין און רוב בנין פון דער אומה הישראלית האָט זיך איבערגעטראָגען אין די מערב־לענדער, און איז פאַרבונדען געוואָרען שפּראַכלעך, עקאָנאָמיש, פּאָליטיש מיט דער אַלגעמיינער געזעלשאַפט, איז די שיטת הפרישה פשוט'ער זעלבסטמאָרד. דורך איר זיינען מיר אין סכנה רעדוצירט צו ווערען צו אַ קליינער סעקטע וואָס וועט ניט מאריך ימים זיין. מיר שטעלען פייערלעך פעסט אַז דער יסוד פון נצחיות התורה גיט אונז די גאַראַנטיע, אַז די תורה קען געלערענט און אָפּגעהיט ווערען ניט נאָר אין בית המדרש אָדער אין געטאָ, נאָר אין יעדען ווינקעל פון דער ערד, צי דאָס איז אַ מאָדערנע הויז, אַ לאַבאָראַטאָריע, אַ קאַמפּוס אָדער אַ פאַבריק, אין פּריוואַטען אָדער מלוכה'שען לעבען. מיר מינימיזירען ניט די שוועריקייטען און די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט חיי קדושה אין אַ מאָדערנער געזעלשאַפט, אָבער מיר גלויבען אין „עלה נעלה וכו' כי יכול נוכל לה!"

ה

די ברכות

מיר וועלן, אי"ה, איבערמאָרגען לייענען די מערקווירדיגע דערציי־לונג וועגען די ברכות. רבקה האָט געפאָדערט פון יעקב'ן ער זאָל זען

אַרויסקריגען די ברכות פון טאַטען. מיט אַן אויטאַריטאַטיווען טאָן האָט זי געזאָגט יעקב׳ן: „ועתה בני שמע בקלי לאשר אני מצוה אותך וכו׳". פאַרוואָס האָט זיך רבקה אַזוי פאַר׳עקשנ׳ט, אַז יעקב זאָל אונטער אַלע אומשטענדען קריגען די ברכות? ווייל רבקה האָט געוואוסט, אַז אויב עשו וועט זיין דער איינציגער „יודע ציד, איש שדה", דער איינציגער וויסנ־שאַפטלער, טעכניקער, לאַנדווירט, רעדנער, פּאָליטיקער; דער איינציגער וועלכער וועט באַהערשן אַלע פאַזן פון ברויזנדיקן לעבן, איז קיין צוקונפט ניטאָ פאַר יעקב׳ן. אויב עשו וועט זיין דער גאַנצער בעל־הבית אין רשות הרבים, וועט ח״ו קומען אַ צייט, ווען יעקב וועט פאַריאָגט ווערען ניט נאָר פון דער גאַס, דער עפענטלעכקייט, נאָר אויך פון זיין רשות היחיד, פון זיינע אוהלים... אויב אין באר־שבע, אַרום בית מדרש פון שם ועבר האָט זיך נאָך יעקב געקענט אָפּשיידן פון שדה, פון תוהו ובוהו פון חולינ׳דיגען לעבען, אויב דאָרט האָט ער זיך נאָך געקענט דערלוי־בען איבערצולאָזען די שדה צו עשו׳ן, וועט ער עס אָבער ניט קענען טאָן ווען ער וועט דאַרפען עמיגרירען אין אַ נייעם לאַנד, אין אַ נייער געזעלשאַפט, וואו דער יחיד וועט אויך מוזען האָבען אַ **חלק אין רשות הרבים**׳ אין שדה. „לך נא אל הצאן" מיין זון, לערן זיך אויס ווי אַרויסצוגיין אין שדה, לערן זיך אויס ווי צו קעמפען פאַר „טל השמים ומשמני הארץ"; לאָז ניט עשו׳ן באַהערשען אַלץ! לערן זיך אויס צו האַלטען אַ גמרא, צו דאַוונען מנחה, אָפּהיטען שבת און כשרות, און מחנך זיין דיינע קינדער לתורה, ניט נאָר אין די היימישע געצעלטען פון שם ועבר, נאָר אויך אין ווייטען לאַנד פון חרן, אין שדה, וואו מיט איין האַנט וועסט דו האַלטען אַ גמרא און מיט דער אַנדערער וועסטו האַלטען אַן אַקעראייזען צו כובש זיין דעם באָדען און אַ שווערד צו פאַרטיידיגען זיך. יעקב, די גרויסע שדה דאַרף ניט זיין דווקא אַ מקום טומאה. יהדות גלויבט, אַז די שדה אין אַלע אירע פאָרמען און אומוואַנדלונגען, אין איר שנעלער אויסברייי־טערונג און אין איר באַצויבערטען גלאַנץ, קען זיין שיין און פּראַכטפול. אויב עשו, דער אַגנאָסטיקער, דער וואולגאַרער מאַטעריאַליסט, דער ציינישער כופר, וועט ניט בלייבען דער איינציגער בעל־הבית. יעקב, דו קענסט אַריינברענגען אצילות אין שדה, דו ביסט בכח איר צו מקדש זיין. דורך דיר וועט די שדה געפינען איר תיקון. פאַרקערט, עשו געפינט ניט קיין מנוחת הנפש אין שדה; זיין אַרבעט דאַרטען באַפרידיגט אים ניט. ער איז מיד און אַנטוישט. ויבא עשו מן השדה והוא עיף. פון איין זייט איז עשו אַ מנצח, אַ כובש עולמות; ער איז גאוה׳דיק און עזות־פּנימ׳דיק; ער טרוימט וועגען באַזיגען די גאַנצע שדה, וועגען פליהען אין די ווייטע

וועלטען. פון דער אַנדער זייט אָבער איז דער זעלבער יודע ציד באַזיגט געוואָרען דורך זיינע אייגענע דעראָבערונגען; ער איז עיף, גייסטיג דער־שעפּט און אָפּגעריסען פון זיינע מעטאַפיזיש־עקזיסטענציאַלע וואָרצלען; ער בלאָנדזשעט אַרום אין אַ עולם התהו. יצחק, וועלכער האָט מורא געהאַט פאַר יעקב׳ס אַרויסגיין פון די אהלים און זיין פאַרוויקעלט ווערען אין דער שדה, האָט סוף כל סוף אָנערקענט רבקה׳ס טענה און האָט מודה געווען, אַז יעקב וועט ניט נאָר קענען וואַלטען און שאַלטען אין דער שדה ווי אַן עקספּערט (ניט קיין קלענערער ווי עשו) נאָר אַז די שדה, אין וועלכער יעקב וועט געוועלטיגען, וועט האָבען עפּעס מערק־ווירדיגעס, אייגענאַרטיגעס — די ברכה פון גאָט. יעקב׳ס שדה וועט רע־פלעקטירען דאָס ליכט פון דער שכינה. יעקב וועט ניט נאָר לייסטען אַ סך אין דער שדה, נאָר אויך געפינען אין איר אַ זינען און אַ תכלית. נאָר יעקב באַזיצט דעם כשרון צו פאַרוואַנדלען די ברוטאַל־מעכאַנישע שדה אין אַ גן א־לקים, אין אַ מקום פון שמחת הנפש און מנוחת הנפש. „וירח ריח בגדיו וכו׳ ויאמר ראה ריח בני כריח שדה אשר ברכו ד׳.״ אוודאי איז לייכטער צו בלייבען אין די אוהלים און ניט אַרויסגיין אין שדה. אוודאי איז איינפאַכער צו האַלטען די גמרא מיטביידע הענט. אָבער ווען די היסטאָרישע אומשטענדען צווינגען דעם אידען זיך באַשעפטיגען אויך מיט דער שדה און צוזאַמען מיט דער גמרא האַלטען פעסט די מאָדערנע מכשירים פון דער מלחמת החיים, מוז ער זיין מוכן ומזומן דורכצופירען די מיסיע. בקיצור, יעקב דאַרף מקדש זיין די שדה.

איך פאַרשטייט דאָך, אַז די בראשית־הנחה וועגען דער וויכטיגקייט פון קידוש השדה, וואו עשו האָט געהערשט ביז ניט לאַנג מיט אומבאַ־גרעניצטער מאַכט, איז גילטיג ספּעציעל אין ארץ ישראל. די מדינה איז אַ שדה, זי איז זיך עוסק מיטווירטשאַפט, פינאַנץ, פּאָליטיק, טעכנישער, וויסנשאַפטלעכער און מיליטערישער אויסבילדונג פון דער יוגנט, א. אַז. וו. דאַרף יעקב, דער רעליגיעזער איד, בלייבען פאַרשפאַרט אין זיינע אהלים און ניט וועלען אַרויסקריגען די ברכות פון זיין טאַטען? דאַרף ער איבערגעבען די גאַנצע שדה, די ניט־רעליגיעזע פאַרטייען מיט׳ן טל השמים און מיט׳ן משמני הארץ? אָדער פילייכט דער היפוך איז ריכטיג: מיר דאַרפען פאָלגען רבקה׳ן און אַריינדרינגען אין דער שדה? אונזער אינטואיציע האָט אונז, מזרחי חברים, דיקטירט, אַז הלכה כרבקה (די השגחה און יצחק אַליין האָבען מסכים געווען מיט איר). דערפאַר האָט אונזער באַוועגונג אָפען דערקלערט, אַז מיר פאָדערען די ברכות, דעם „מטל השמים ומשמני ארץ״, מיר פאָדערען אַ חלק אין יעדער פאַזע פון

בנין הארץ, אין דערווירטשאַפט — דורך בויען קיבוצים; אין דער אַרבעטער באַוועגונג — דורך אָרגאַניזירען דעם רעליגיעזען אַרבעטער; אין חינוך — דורך גרינדען שולען; אין דער פּאָליטיק — דורך אָרגאַניזירען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי מיט ספּעציעלע פּאַרטרעטער אין דער כנסת.

ו

נטירותא דדהבא

דער לעצטער פּונקט איז שנוי במחלוקת.

אַ סך טענה׳ן, אַז דער מזרחי האָט געדאַרפט נאָר זיין אַ ריין קולטורעלע און דערציאונגס־באַוועגונג און זיך ניט פאַרנעמען מיט פּאָליטישע פראַגען. די מיינונג ווערט אַרויסגעזאָגט פון אַ סך רעליגיעזע אידען דאָ אין לאַנד און אין ארץ ישראל. את חטאי אני מזכיר, אַ לענגערע צייט האָב איך אויך סימפּאַטיזירט מיט דער שיטה, און געהאַלטען, אַז דער רעליגיעזער איד דאַרף זיך דע־פּאָליטיזירען. לאָמיר פעסטשטעלען, אַז די שיטה איז ניט ריכטיג; איך האָב געמאַכט אַ טעות, און אַזוי אַ סך פון מיינע חברים.

ווען דער מזרחי און די אַנדערע רעליגיעזע פּאַרטייען זאָלען זיך אויפלייזען, וועלען אַ סך רעליגיעזע דערגרייכונגען פאַרלאָרען גיין. ספּעציעל וועט רואינירט ווערען דער חינוך ממלכתי דתי. אויך דער חינוך עצמאי וועט זיך ניט קענען האַלטען. איר וועט מיר פרעגען פאַרוואָס? פּשוט, ווייל עס איז אוממעגלעך פאַר אַ סעקולערער פּאַרטיי, אַפילו ווען זי איז ניט אַנטי־רעליגיעז און אַפילו ווען זי האָט טויזענטער רעליגיעזע אידען אין אירע רייען וועמענס הצטרכות׳ן זי זאָל וועלען באמת באַפרידיגען, צו טאָן די אַרבעט מיט דער זעלבער זאָרג ווי אַן אָרגאַניזירטע באַוועגונג פון פרומע אידען. איך, למשל, בין גרייט מסכים צו זיין, אַז מפא״י איז אויפריכטיג בנוגע דער אויפשטעלונג פון אַ רעליגיעזער סעקציע און אַז די אַנשטעלונג פון אַ חסיד׳ישען רבי׳ן אַלס איר רעליגיעז־גייסטיגער מורה־דרך און די פונאַנדערטיילונג פון רעליגיעזע אַרטיקלען צו פאַרשיידענע ישובים איז געווען אַן ערענסטער פאַרזוך נאָכצוקומען די פאָדערונגען פון די פרומע אידען, וועלכע געפינען זיך אין די ישובים. איך בין אין דעם פּרט מער אָפּטימיסטיש ווי מיינע חשוב׳ע חברים אין ארץ ישראל, וועלכע זאָגען, אַז די גאַנצע אונטערנעמונג איז ניט ערנסט און אַז ס׳איז מער ניט ווי אַ פּאָליטישע מאַנעוורע. איך גלויב, אָדער, לכל הפחות, וויל גלויבען, אַז

מפא״י איז ערליך אין דעם. מיינט עס אָבער, אַז מיר דאַרפען אויפ־לייזען אונזער באַוועגונג און פאַרלאָזען זיך אויף מפא״י אַז זי וועט זיין דער מלאך הממונה על הדת והמסורה? אַוודאי ניט. פאַרוואָס? איך וועל אייך ענטפערן מיט אַ מעשה. בשעת די רוסישע רעגירונג האָט אין פאַריגען יאָרהונדערט געוואָלט שליסען די חדרים אין רוסלאַנד, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די גדולי התורה אין פעטערבורג און באַטראַכט מיטלען ווי צו ראַטעווען דעם טראַדיציאָנעלען חינוך. אויף איינער פון די אספות איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז מען זאָל האָבען אַ שטענדיגען פאַרשטייער אין פעטערבורג, וועלכער זאָל שטיין על המשמר און זיך באַ־מיען צו באַשיצען דעם טראַדיציאָנעלען חינוך מיט אַלע מיטלען. אַלס קאַנדידירט פאַר דער זייער פאַראַנטוואָרטלעכער שטעלע האָט מען דאַמאָלט פאָרגעשלאָגען דעם נאָמען פון אַ באַשטימטער פערזאָן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מקורב צו ר׳ יוסף בער׳ן. אַלע רבנים האָבען מסכים געווען. צו אַלעמענס איבעראַשונג אָבער האָט זיך ר׳ יוסף בער אויפ־געשטעלט און געזאָגט, אַז ער איז קעגן דער נאָמינאַציע. די רבנים האָבען אָנגעהויבען שרייען פון אַלע זייטען: בריסקער רב, ער איז דאָך אייערער אַ ידיד נפש און איר אַליין האָט דאָך אים אַ סך מאָל געלויבט און געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ ירא שמים און אַ איש אמת; פאַרוואָס זאָלט איר ניט האָבען קיין פאַרטרויען אין אים? דארויף האָט ר׳ יוסף בער געענטפערט: אוודאי איז ער אַ גרויסער ירא שמים און אַן ערלעכער איד, אָבער פונדעסטוועגען בין איך געגען זיין קאַנדידאַטור. איך ווייס אַ שטיקל גמרא, אין בבא קמא, דף ס״ב, ב: „אמר רבא: הנותן דינר זהב לאשה ואמר לה ׳הזהרי בו, של כסף הוא׳ וכו׳ פשעה בו — משלמת של כסף, דאמרה ליה: נטירותא דכספא קבילי עלי, נטירותא דדהבא לא קבילי עלי״. אין אַנדערע ווערטער: ווען די אשה וואָלט געוואוסט, אַז דער דינר איז געמאַכט פון גאָלד, וואָלט זי אים בעסער געהיט און די פשיעה וואָלט זיך ניט געטראָפען.[5] אמת, מען דאַרף אויך היטען אַ דינר

---

[5] על פי דרך הפשט באַרוט די סוגיא אויף דער הלכה פון קבלת שמירה, אַזוי איז דאָך דער לשון הגמ׳: „נטירותא דכספא קבילי עלי, נטירותא דדהבא לא קבילי עלי״. פשוט, די אשה האָט זיך ניט מתחייב געווען אין דער שמירה פון אַ דינר זהב. ממילא דאַרף זי נאָר צאָלען, אין פאַל פון פשיעה, פאַר אַ דינר כסף. דער פסיכאָ־לאָגישער מאָמענט שפּילט, אין פלוג, קיין ראָלע ניט. אפילו ווען זי וואָלט ניט געווען גרייט צו היטן אַ דינר של זהב בעסער ווי אַ דינר של כסף, וואָלט זי אויך ניט מחוייב געווען צו צאָלען פאַר אַ דינר של זהב, ווייל עס פעלט קבלת שמירה בנוגע דעם דיפערענץ־ווערט צווישען כסף און זהב.

של כסף, ווייל עס האָט אויך אַ ווערט; פונדעסטוועגן היט מען אַ דינר של זהב אַנדערש, מיט מער אויפמערקזאַמקייט, מיט מער זהירות, ווי אַ דינר של כסף. דעריבער האָט ער געדאַרפט דער אשה זאָגען, אַז עס איז של זהב. און אויב ער האָט איר דעם סוד ניט מגלה געווען, איז זי נאָר פאַרפליכטעט צו באַצאָלען, אין פאַל פון אַ פשיעה, דעם ווערט פון אַ דינר כסף. יע, האָט ר׳ יוסף בער אויסגערופען, ביי מיר איז דער חדר, דער אַלטער חינוך, אַ דינר של זהב, דאָס אַפּעל פון אויג; ער איז מיר אומ־געהויער טייער און ליב, ווייל אָן אים זע איך ניט קיין עתיד פאַר דער כנסת ישראל. דער אַלטער חינוך פאַר מיר איז דער יסוד היסודות פון אונזער עקסיסטענץ. ביי מיין טייערען פריינד איז דער חדר אויך טייער, אָבער ער איז נאָך אין דער בחינה פון אַ דינר של כסף. איך קען אים און זיינע השקפות. ער דענקט ניט, אַז אָן דעם חדר וועט יהדות אונטער־גיין; ער שטעלט זיך פאָר אַ כנסת ישראל אָן אַ חדר. אוודאי וועט ער היטן דעם דינר — דעם חדר, ערלעך און ראַיעל, אָבער ער וועט זיך ניט מוסר נפש זיין ווי מיר. ממילא וויל איך אים ניט ממנה זיין אַלס שומר. איך וויל אַז דער שומר זאָל אָפּשאַצען דעם דינר פונקט ווי איך אַלס של זהב און ניט ווי עס דוכט זיך אים, אַז ער איז גאָר של כסף.

לאָמיר אָפּילו אָננעמען, אַז די מפא״י, די ליבעראַלען און חירות פאַרשטייען דעם ווערט פון יהדות און האַלטען אויך, אַז אַ רעליגיעזע ארץ ישראל איז וויכטיק כדי צו פאַרבינדען די אידען אין דער דיאַספּאָראַ מיט דער מדינה — הויבט זיך דאָך אויף די פראַגע: וואָס איז יהדות ביי זיי — אַ דינר זהב, ווי זי איז ביי אונז, אָדער נאָר אַ דינר של כסף? דענקען זיי אין די זעלבע קאַטעגאָריען פון דינר של זהב ווי מיר, אַז אָן אַ שבת קען קיין כנסת ישראל ניט עקזיסטירען, אַז אָן כשרות ווערט טמא די אידישע הויז, אַז נשואי תערובת אונטערגראָבען די יסודות פון אונזער קיום, אַז אָן אַ רעליגיעזען חינוך וועט אַלץ אונטערגיין? ועל כולם, גלויבען זיי, ווי מיר, אַז אַ וואָכעדיגע ארץ ישראל איז קיין ארץ ישראל ניט און אַז נאָר אויף אָן ארץ ישראל מיט קדושה האָבען מיר געבעטען און געוואַרט טויזענטער יאָרען? פרעגט זיי אַליין און זיי וועלען אייך ענטפערען, אַז זיי זיינען ניט מסכים מיט אונז בנוגע אונזער השקפה. זיי פּאַסען אויף יהדות אַלס אַ וויכטיקע אינסטיטוציע, אָבער בשום אופן וועלען זיי ניט צוגעבען אַז יהדות איז דער יסוד היסודות פון אונזער טאָטאַלער עקזיסטענץ. פאַר זיי שטעלט מיט זיך יהדות פאַר אַ ווערט, און אפשר אויך אַ גרויסען ווערט, אָבער אונטער קיינע אומשטענדען אַ דינר של זהב. יהדות פאַר זיי איז אַ דינר של כסף. און לאָמיר דערקלערען אָפען איינמאָל פאַר

אַלעמאַל: מיר זיינען ניט אַזעלכע שוטים איבערצוגעבען אַ דינר של זהב צו אַ שומר וועלכער דענקט אַז עס איז מער ניט ווי אַ דינר של כסף. דעם דינר של זהב וועלען מיר קיינעם ניט אָנפאַרטרויען; מיר וועלען אַליין זיין די שומרים, און מיר וועלען דעם דינר היטען פון פשיעה, גניבה, אבדה און אונסים. אויב אָבער מיר קענען דעם דינר ניט אָנפאַר־טרויען צו קיינעם ניט און מיר מוזען ווערען שומרים, דאַמאָלט מוזען מיר זיין פּאָליטיש אָרגאַניזירט. ווי קענען מיר היטען דעם דינר, אויב עס וועלען אונז פעלען די נויטווענדיגע פּאָליטישע מכשירים!

עס איז ריכטיג, אַז אַ פּאָליטישע פּאַרטיי מוז פאַרהאַנדלען, זיך דינגען, אמאָל נעמען ווייניגער וויפיל מען פאַרלאַנגט, אויסטוישען הנחות אויף הנחות — קורץ: זיך עוסק זיין אין דאָס וואָס מען רופט עס אין ארץ ישראל „מיקוח". געוויינלעך, אַז מען איז זיך עוסק אין פּאָליטיק ווערט דער שם טוב פון די עסקנים נפגם. דער וועלכער טוט גאָרניט, קען ניט באַגיין קיין פעלערן און ער ווערט ניט אומריין. ידים שניות לטומאה, ווייל ידים עסקניות הן. פונדעסטוועגען האָט נאָך קיינער ניט געזאָגט, אַז אַ איד דאַרף זיין אַ יושב בטל און ניט מסיח דעת זיין, כדי ער זאָל ניט מטמא זיין די הענט. אדרבה, זאָל ער באַנוצען די הענט און זיי נאָכהער מטהר זיין דורך נטילת ידים. די גאַנצע אינסטיטוציע פון נטילת ידים איז מתוקן געוואָרען פאַר ידים עסקניות!

ז

וארד להצילו

איר מיינט, אַז עס איז געווען לפי כבודו של הקב״ה צו פאַרהאַנדלען מיט פרעה׳ן, מאַכען הנחות צו דעם טיראַן: „עתה נלכה נא דרך שלשת ימים במדבר ונזבחה לה׳ א־לקינו". איז עס געווען לפי כבודו של הקב״ה, אַז זיין שליח משה זאָל צענדליגער מאָל גיין צו פרעה׳ן דינגען זיך מיט אים; ברענגען מכות, אָפּשרייען זיי, זיך לאָזען אָפּנאַרען און נאָכעה ברענגען אַ נייעם נגע? ווי שיין דריקט זיך דער מדרש שמות אויס: „משל לכהן שנפלה תרומתו לבית הקברות; אמר: מה אעשה? לטמא את עצמי אי אפשר ולהניח תרומתי אי אפשר! מוטב לי לטמא את עצמי פעם אחת וחוזר ומטהר ולא אאבד את תרומתי. כך אבותינו במצרים הן תרומתו של הקב״ה וכו׳ היו בין הקברות וכו׳ כי אין בית

אשר אין שם מת וכו׳ אמר הקב״ה וכו׳ להניחם אי אפשר מוטב לירד ולהצילם וכו׳ וארד להצילו״.[6] די פאַרהאַנדלונגען מיט פרעה׳ן, די עונשים וואָס דער רבש״ע האָט געשיקט אויף פרעה׳ן ווערען באַטראַכט דורך די חכמי המדרש אַלס אַ ירידה כביכול פאַר׳ן רבש״ע, דעם בעל החסד והרחמים; דער רבש״ע האָט זיך כביכול מטמא געווען מיט זיין אינטער־ווענירען אין מצרים, מיט זיין ווענדען זיך צו פרעה׳ן און האָבען אַ מגע ומשא מיט אים. אָבער בשעת אידען זיינען אין גלות און מען דאַרף שאַפען אַ כנסת ישראל און פירען איר צום הר סיני כדי איר צו דערהויבען צו אַ „ממלכת כהנים וגוי קדוש״, מוז, כביכול, דער רבש״ע טאָן זאַכען וואָס זיינען ניט פאַסיק און שלא לפי כבודו. „וארד להצילו״ — יציאת מצרים איז, אמת, געווען אַ ירידה פאַר׳ן בורא עולם, אָבער די מטרה איז הצלת ישראל און זי מאַכט פון דער ירידה אַן עליה.

אוודאי איז פאָליטיק אַ ירידה פאַר רעליגיעזע אידען, פאַר תלמידי חכמים, בני תורה, בעלי תריסין במשנה ובגמרא, אָבער זיי טוען עס בבחינת „וארד להצילו״. די ירידה איז מציל יהדות. יהדות האָט פיל מאָל אָפּערירט מיט דער אידייע פון ירידה צורך עליה. אין קבלה איז די אידייע אַ כלל גדול. אויך די הלכה וויסט פון איר. דער יסוד פון פקוח נפש באַרוט אויף דער אידייע „אמרה תורה חלל עליו שבת אחת כדי שישמר שבתות הרבה״.[7] ממילא זאָגן מיר, מוטב שנטמא את עצמנו, בעסער זאָלען מיר אומריין ווערען, איידער יהדות זאָל טמא און פאַרגעסען ווערען. ליצים און סתם בעלי לשון הרע זאָגען, אַז מיר זיינען פּאָליטי־שענס, אַז מיר זיינען עוסק אין מיקוח, אַז מיר זיינען ניט פאַראינטערע־סירט אין אַוועקשטעלען די יהדות על מכונה, נאָר אין אונזערע אייגענע

[6]) עיין מו״נ, ח״א, פרק י: „וכן כשתרד מכה באומה או באקלים כפי רצונו הקדום וכו׳ לספר שהשם פקד מעשיהן ואח״כ הוריד בהם העונש יכונה הענין הזה ג״כ בירידה להיות האדם שפל ונבזה שיפקדו מעשיו ויענש עליהם וכו׳״.

[7]) דער טעכנישער אויסדרוק „ירידה צורך עליה״ (אין פשוט פיזישען זינען) איז דערמאָנט אין מס׳ מכות, ז׳ ע״ב, בנוגע דער הלכה ביי רוצח בשגגה „כל שבדרך ירידתו גולה ושלא בדרך ירידתו אינו גולה״. רש״י טייטשט די ווערטער „להביא ירידה שהיא צורך עליה״ לחיוב; ד. ה. דער רוצח איז גולה, ווייל מען באַטראַכט דאָך די באַוועגונג אַלץ ירידה. דער רמב״ם אין פ״ו מה׳ רוצח ושמירת נפש הי״ג לערנט די הלכה לפטור. ער האַלט, אַז וויבאַלד די באַוועגונג איז צורך עליה דאַרף זי קלאַסיפיצירט ווערען אַלס עליה. עיין בכ״מ דאָרטען. יעדענפאַלס האָט די הלכה פון ירידה צורך עליה אין באַציהונג צו גלות קיין שייכות ניט מיט דער אידייע וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ.

קאַריערעס, אַז מיר צווינגען אידען האַנדלען קעגען זייער אייגענעם געוויסען, אַז אָרטאָדאָקסישע אידען זיינען שלעכט און האָבען ניט קיין אהבת ישראל, וכו, וכו' וכו'. אוודאי איז עס אומאנגענעם צו הערען אַזעלכע בלבולים און צוזען ווי די גאַס ווערט פאַר'סמ'ט מיט שנאה צו אונז. אָבער מיר מוזען זיך אָפּלערנען ממדותיו של הקב"ה: מוטב שנטמא את עצמנו ולא נאבד את תרומתנו. זאָל מען אונז גורם זיין עלבון און באַליידיגונגען, אַבי מיר זאָלען קענען פאַרטיידיגען קדושת הארץ.

איך וויל דאָ עפּעס באַמערקען. מיינע ווערטער דאָ דאַרפען ניט אויסגעטייטשט ווערען, אַז איך בין אין פולשטענדיגען הסכם מיט אַלע באַשלוסען פון אונזער פאַרטיי. אין פיל פּרטים בין איך ניט איינשטימיג מיט מיינע חברים. מיר דוכט זיך, אַז זיי לייגען צופיל געוויכט אויף רעליגיעזער כנסת געזעצגעבונג און ווילען דערגרייכען דאָס אוממעגלעכע. זיי האָבען קיינמאָל ניט געהערט ר' חיים בריסקער'ס וואָרט, אַז אין פּסוק „לך בכחך זה והושעת וכו'" געפינען זיך אַן עשה און א לאו הבא מכלל עשה: 1) אַ חוב אויפן מענטשען צו טאָן אַלץ וואָס ער קען; 2) אַ איסור ניט צו פּרובירען טאָן זאַכען וואָס קענען ניט דורכגעפירט ווערען.[8] אָבער עס איז מיר קיינמאָל ניט געקומען אויפן געדאַנק צו צווייפלען אין דער וויכטיקייט פון אונזער באַוועגונג און אָפּלייקענען אירע גרויסע לייסטונגען אויפן געביט פון חיזוק הדת אין ארץ ישראל.

ח

ובכן תן כבוד

וואָס האָט אונזער באַוועגונג אויפגעטאָן פאַר דער רעליגיעזער ארץ ישראל?

1) קודם כל האָט אונזער באַוועגונג געראַטעוועט דעם כבוד פון רעליגיעזען אידענטום פון אַ געשיכטלעכען שטאַנדפּונקט. נאָר צוליב איר און אַ דאַנק איר האָבען מיר אַ גרויסען חלק אין דעם וואונדערליכן קאַפּיטעל פון בנין הארץ ותקומת המדינה. ווען ניט דער מזרחי וואָלט די

[8]) עיין ערכין טז, ע"ב; ביצה ל, ע"א; אורח חיים, תר"ח, ב; ברמ"א ובמג"א.

תקומת המדינה און אויך בנין הארץ פאַררעכענט געוואָרען אויסשליסלעך אויפן חשבון פון די ניט־רעליגיעזע פּאַרטייען. ואל יהא הדבר קל בעיניך. צי מיר ווילען אָדער ניט, די אידישע געשיכטע וועט ווידמען אַ סך זייטען דער מדינת ישראל. אונזער נאָמען וועט דאָרטען דערמאָנט ווערען נאָר צוליב דעם זכות פון דער מזרחי און הפועל המזרחי באַוועגונג. די לייסטונג איז אַ רעזולטאַט פון דער מעטאָדע „וארד להצילו".

2) דער מזרחי האָט אויסגעבויט אַ שול־נעץ פון חינוך דתי, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין דעם חינוך ממלכתי דתי, וואו אומגעפער אַ דריטעל פון אַלע קינדער לערנען. אָן מזרחי אַלס פּאָליטישע פּאַרטיי און אָן דעם „וארד להצילו" וואָלט קיין רעליגיעזער חינוך אין ארץ ישראל ניט געווען — ניט קיין ממלכתי־דתי, און ניט קיין חינוך עצמאי. בכלל, הער איך סיי פון פרומע אידען און סיי פון פרייע און אויך פון אַ סך פון דער ארץ־ישראל יוגנט, רעליגיעזע און ניט קיין רעליגיעזע, אַז אין ארץ ישראל מערקט זיך אַ שינוי לטובה. די צייטונגען נאָך ימים נוראים, אָנהויבענדיג מיטן „הצופה" פון רעכטס און ענדיגענדיג מיטן „על המשמר" פון מפ"ם, האָבען באַריכטעט, אַז הײַנטיקס יאָר זיינען די שולען געווען געפּאַקט אויך מיט יוגנט. טאַטעס זיינען געזעסען אין דער היים און געשפּילט אין קאָרטען יום הכפורים און די קינדער האָבען פאַרבראַכט אין בית המדרש. די צייטונגען האָבען דערציילט וועגען עלטערען, וועלכע זיינען געקומען אין שול און געוואָלט מיט געוואַלד אַהיימשלעפּען די קינדער. אַ נייער טיפּ פון „בן סורר ומורה" איז אויפ־געשטאַנען אין ארץ ישראל. בננו זה סורר ומורה איננו שומע בקולנו איננו זולל ואיננו סובא.

יע, עס איז אַ מרד, אָבער אַ הייליגער מרד. ווער האָט פאַראורזאַכט דעם מרד? די אידען וועלכע פירען דעם קאַמף מיט קללות און חרמות, מיט פּאַשקווילען און זידלערייען, אָדער די באַוועגונג וואָס אונטער איר פּאָן איז אַנטשטאַנען אַ חינוך סיסטעם פון בתי ספר יסודיים, ישיבות בני־עקיבא, בתי ספר למלאכה און אַזוי ווייטער? אמת, איך האַלט אַז אונזער באַוועגונג האָט ניט געטאָן גענוג אויפן געביט פון חינוך. אָבער דאָס וואָס זי האָט יע געלייסטעט האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם גייסט אין ארץ הקודש. און אויב עס איז אמת, אַז אונזער באַוועגונג האָט איצט געוואונען איר קאַמף פאַר אַ רעליגיעזען חינוך על־יסודי, און איך האָף און בין מתפּלל אַז זי האָט ניט נאָכגעגעבען אויף דעם געביט אַפילו כקוצו של יוד (אַפילו אויב זי האָט אַלס פּרייז פאַר אַ פּשרה בנוגע חינוך געקראָגען אַנדערע קאָנצעסיעס אויפן רעליגיעזען געביט) דאַמאָלסט איז

באמת כדאי געווען אונזער ירידה אין טומאה, אין דעם נאַרישען „מועדון הארבעה" און דער ביטול זמן און מיקוח. דאַמאָלסט איז זיכער מקויים געוואָרען דער „וארד להצילו" אויף אַ גרויסאַרטיקען מאַסשטאַב!

3) דער מזרחי, דורך דער מעטאָדע פון „וארד להצילו", האָט אויפ־געהיט די קדושת המשפחה, מציל געווען דעם ישוב פון ממזרות, חללות און גויות. ווען ניט דאָס געזעץ פון קידושין וגיטין על פי ההלכה, וואָלט דאָך די גאַנצע טהרת העם אונטערגעגאַנגען. וויסען זאָלט איר, אַז אויב איסורי עריות וואָלטען געקענט חתונה האָבען אין ארץ ישראל, וואָלטען מיר אין גלות בכלל ניט געהאַט קיין מעגלעכקייטען אָפּצוהיטען אידען פון אַזעלכע איסורים. גיט נאָר אַ קוק וואָס פאַר אַ שכר אונזערע חברים האָבען מקבל געווען דערפאַר. לייענט דעם „טיימס", וויפיל טרערען איר קאָרעספּאָנדענט פאַרגיסט איבער אַ מיידעל, וועלכע וויל דווקא חתונה האָבען מיט אַן אַראַבער און דווקא דערציען דאָס קינד אין מוסולמאַנישען גלויבען. „וארד" — זיכער: מען באַליידיקט אונז, מען באַשולדיגט אונז אין געפּיללאָזיגקייט און האַרטקייט, אין פאַנאַטיזם — אָבער פאַרט „להצילו".

4) אויב עס איז דאָ אַ שבת אין ארץ ישראל, איז עס אַ דאַנק אונזער באַוועגונג וואָס האָט געקעמפט אין די פאַרשיידענע עיריות פאַר ספּעציעלע מוניציפּאַלע סטאַטוטען. אמת, עס איז דאָ אַ סך חילול שבת אין ארץ ישראל, אָבער עס איז דאָך אַ מדרגה, אַז מען קען ריידען וועגען חילול שבת. דאָ אין אַמעריקע, האַלטען מיר נאָך ניט ביי דער מדרגה. מיר ריידען דאָ, ווי ביאַליק האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, וועגען שמירת שבת. ווידער דער קאַמף פאַר שבת האָט אונז געקאָסט אַ סך געזונט. מיר האָבען זיך מטמא געווען. מיר האָבען געמוזט אָנקומען צו דעמאָנ־סטראַציעס, פּראָטעסט־מיטינגען, פּאָליטישע פאַרהאַנדלונגען, מקוח — „וארד", אָבער אַלץ כדי צו פאַרווירקלעכען דעם תכלית — „להצילו".

5) דער מזרחי האָט אויסגעקעמפט דעם קאַמף פון „מי הוא יהודי?" ווען דער מזרחי וואָלט זיך ניט מוסר נפש געווען דערפאַר, וואָלט היינט דער משומד, דער קאַטוילישער מאָנאַך, ניט געהאַט קיין שוועריגקייטען דורכפירען זיין חלום אַז ארץ ישראל זאָל אנערקענען אַלס אידען איינעם מיט אַ צלם אויפן האַרצען. די לינקע פּרעסע לייגט דאָך איין וועלטען פאַר דעם משומד. וויפיל עלבון און בזיונות און רדיפות זיינען אונזערע חברים דורכגעגאַנגען צוליב דעם קאַמף ניט נאָר מצד די לינקע, נאָר אַפילו מצד אונזערע צדיקים. וויפיל באַליידיקונגען האָבען זיי געליטען פון אונזערע קנאים וועלכע זיינען בודק אַלעמען די ציציות. דער מצב פון „וארד" איז געווען פּאַטעטיש אָבער דער אָביעקטיוו „להצילו" איז

געוועז גרויס. די ירידה איז געוועז צורך עליה, צו וועלכע אונזער באַ־וועגונג האָט איצט זוכה געווען.

6) ואחרון אחרון חביב! דער קאַמף פאַר דער רבנות אין ארץ ישראל איז געווען די גולת הכותרת פון דעם „וארד להצילו". בשעת די מפא"י האָט געוואָלט איגנאָרירען די רבנים און מיטן כח פון אַ רעליגיע מיניסטעריום, וואָס איז געווען פאַרקויפט צו איר, געשטרעבט צו ברעכען דעם ווידערשטאַנד פון הונדערטער רבנים, צווישען זיי גדולי ישראל, יושבי על מדין — ווער האָט זיך געשטעלט בפרץ? אפשר האָבען עס געטאָן אונזערע קנאים, וועלכע האַלטען אַז דער מזרחי איז ניט פרום? חס ושלום! זיי זיינען דאָך געלאָפען צו די דאַמאָלסטדיגע נאַטשאַלניקעס און זיך דערקלערט אין ליבע צו זיי, און געזאָגט, אַז עס איז זיי מער ניחא אַ שר, וועלכער איז אַ משרת ביי אַ ניט רעליגיעזער פאַרטיי, איידער משה שאַפּיראַ, דער איד, וועלכער טראָגט די משא פון יהדות אַזוי פיל יאָרען. פאַרטיידיגט די אויטאָנאָמיע פון רבנות האָט אונזער באַוועגונג. ווער האָט דערמוטיגט רבנים, אַז זיי זאָלען אַרויס מיט אַ שטורעם קעגען דעם פאַרזוך, אַז אַ שררה זאָל אַרויפצווינגען אַ רב אויף זיי, — אויב ניט אונזער פאַרטיי?

מיר ווייסען אַלע ווי אונזערע פוסקים האָבען פאַרדאַמט יעדען פאַרזוך פון אירגענד וועמען זיך לאָזען אויסוויילען דורך מלכות צו זיין חזן צי רב אָדער פאַרנעמען וועלכע עס איז פאָסטען ביי אידען. דער איסור באַציט זיך ניט דווקא אויף אַ גוי'אישער, נאָר אויך אויף אַ אידישער שררה. איך וויל באַטאָנען, אַז דער קאַמף איז געווען געריכטעט ניט געגען וועלכער ניט איז פערזאָן, נאָר געגען אַ ניט־אידישער מעטאָדע פון בחירות. די הלכה פון ר' יצחק'ן, אַז „אין ממנין פרנס על הציבור אלא א"כ נמלכין בציבור" באַציט זיך אפילו אויף אַ גדול שבגדולים. בצלאל איז זיכער געווען אַ שיינער איד און איז געווען קוואַליפיצירט פאַר זיין אַמט, און פונדעסטוועגען האָט אפילו דער רבש"ע ניט געוואָלט אַרויפצווינגען אים אויפן קהל, ווי די גמרא אין ברכות, נ"ה, ע"א, דערציילט אונז.[9]

---

[9]) אויב דאָס אַמט פון רבנות איז אויסשליסלעך פאַרבונדען מיט הוראה, דין און הרבצת תורה, דאַמאָלט קען די הלכה פון „אין ממנים פרנס על הציבור אא"כ נמלכים בציבור" ניט אָנגעווענדעט ווערען אויף דאָס וויילען פון אַ רב, און מינוי לרבנות דאַרף באַהאַנדעלט ווערען ווי מינוי סנהדרין אָדער סתם דינים, וואָס ווערט דורכגעפירט מלמעלה למטה (ב"ד הגדול איז ממנה סנהדראות קטנות לשבטים ולעירות. עיין ברמב"ם, פ"ג מ"ה סנהדרין ה' ח': „כל סנהדרין או מלך או ראש גולה שהעמידו וכו' ". עס איז כמעט מפורש, אַז זיי אַליין זיינען די שטענדיקע ממנים פון דיינים. בנוגע למינוי כהן

ווען עס וואָלט געלונגען דער רעגירונג דורכצופירען איר פּלאַן, וואָלט די גאַנצע רבנות געווען צעשטערט. קיינער וואָלט זיך ניט גערעכענט מיט איר. יע, דעם טעם פון „וארד" אין זיין גאַנצער ביטערקייט האָבען מיר טועם געווען. אונזער באַוועגונג האָט געליטען, געווען איינזאַם און פאַראַכטעט, אָבער האָט אָנגעהאַלטען די פּאָזיציעס. אף על פי כן איז דער „להצילו" מקוים געוואָרען.

איך וואָלט געקענט אייך דערציילען וועגען אַנדערע לייסטונגען אויף פאַרשיידענע געביטען. אטו כי רוכלא ליזיל ולימני. וואָס איז אפשר אָמוויכטיגסטען, איז דער פּאַקט, וואָס אונזער באַוועגונג האָט, ווי יעקב בשעתו, אָנגעהויבען פאָדערען ברכות מטל השמים ומשמני הארץ. מיר זיינען אין „שדה" און מיר באַטייליגען זיך אין אַלע פאַזען פון מלוכה־לעבען. מיר קעמפען מיט שטאָלץ און מיט מוט. אַ מוטיגע און קעמפּע־רישע באַוועגונג קויפט זיך איין אַ סך שונאים, אָבער זי רופט אויך אַרויס דרך־ארץ. איך האָב שוין אַ סך מאָל געזאָגט, אַז אין מיין פּריוואַטען לעבען זוך איך שטענדיג אַז מען זאָל מיך רעספּעקטירען, איידער ליב האָבען. מיר זיינען ראש השנה און יום כיפור מתפלל ניט אויף ליבע נאָר אויף רעספּעקט, „ובכן תן כבוד ד' לעמך." אַז מען קעמפט פאַר עפּעס אויפ־ריכטיג, מוז מען רעספּעקטירט ווערען דורך אַלעמען, געגנער און פריינד. „ומלכי צדק מלך שלום הוציא לחם ויין". ווען האָט מלכי צדק אָנגעהויבען מכבד צו זיין אברהמ'ען? ערשט ווען אברהם האָט באַוויזען, אַז ער קען ניט נאָר זיין אַ גוטער מכניס אורח, נאָר אויך אַ לוחם, אַז ער קען די מלאכה פון מלחמה: „וירק את חניכיו — וירדפם עד דן".

גדול, עיין תוס' מגילה דף ט, ע"ב, ד"ה ולא; תוס' יומא דף י"ב, ד"ה כהן גדול; תוספתא ריש פ"ג דסנהדרין, רמב"ם פ"ד מ"ה כלי המקדש הט"ו; יבמות, ס"א, ע"א, ד"ה: „מנהו"; רש"י, שם). אויב אָבער רבנות דריקט זיך אויס אויך אין סאָציאַל־פּאָליטישע פונקציעס (פאַרזאָרגונג פון צרכי הקהל, חסד, צדקה, רעפּרעזענטאַנץ א. א. וו.) דאַמאָלסט איז דער רב ניט נאָר אַ מורה הוראה און אַ דיין צדק נאָר אויך אַ פרנס, און זיין מינוי דאַרף האָבען הסכם הקהל. עס איז איבעריק צו באַטאָנען, אַז די געשיכטע פון רבנות האָט באַשטעטיקט די צווייטע דעפיניציע. דער רב איז געווען ניט נאָר אַ מורה צדק נאָר אויך אַ רועה נאמן פון זיין קהילה.

יעדנפאַלס האָט די גאַנצע חקירה קיין שייכות ניט מיט דעם איסור בנוגע דער אַריינמישונג פון אַ שררה אין בחירה פון אַ רב און זיך לאָזען דערוויילען מיטן כח פון מלכות. ווען דער רמב"ם באַצייכענט דעם מלך אַלץ ממנה פון דיינים באַציט ער זיך אויף אַ הולך בדרכי ד', אַ תלמיד חכם און אַ מוקיר רבנן און ניט אויף אַ שררה וואָס אָנערקענט ניט די אויטאָריטעט פון תורה און איז אַליין ניט קיין שומר מצוות. אַזאַ שררה טאָר מען ניט אַריינמישען אין רעליגיעזע מינויים, פּונקט ווי אַ ניט־אידישען מושל.

ט

אַ ביסעל דברי וידוי

וואָס דאַרף זיין דער ענטפער פון אונז, אַמעריקאַנער אָרטאָדאָקסיע, צו אַזאַ באַוועגונג? לאָגיש, וואָלטען אַלע רעליגיעזע אידען געדאַרפט געהערען צום מזרחי, ווייל די מזרחי וועלט־אָנשויאונג פון פאַרטיידיגען די אהלי יעקב דורך אַריינדרינגען אין „שדה״, אין עשו'ס תחום, און פאַרוואַנדלען איר אין אַ „שדה אשר ברכו ה׳ ״, איז אַקצעפּטירט געוואָרען דורך דער אידישער קהלה אין אַמעריקע. אַמעריקאַנער פרומע אידען זיינען ניט פאַרשפּאַרט אין די אהלים, זייערע קינדער, ב״ה, באַזוכען די בעסטע בילדונגס־אַנשטאַלטען אין לאַנד; זיי חבר'ן זיך ניט דווקא מיט פרומע, נאָר אויך מיט ניט־פרומע אידען, אַפילו מיט ניט אידען. זיי ריידען די שפּראַך פון לאַנד, באַטייליגען זיך אין אַלע פּראָפעסיעס, א. אז. וו. דער אַמעריקאַנער איד (און איך רייד דאָ וועגען פרומע אידען) פאַרשטייט גאָר ניט, אַז מען קען זיך איזאָלירען פון דער אַרומיגער וועלט. ער איז אַ טייל פון דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיש־פּאָליטישער געזעלשאַפט. ממילא דאַרף ער דאָך זיין קאָנסעקווענט און אונטערשטיצען די זעלבע שיטה אויך אין ארץ ישראל. אָבער, ליידער שטייען אַ סך פונדערוויי־טענס און אַ סך זוכען הסרונות.

איך וויל מיך דאָ ווענדען צו מיינע חברים און תלמידים, רבנים וואָס פאַרנעמען כסאות לתורה: פאַרוואָס שליסט איר זיך ניט אָן אין דער באַוועגונג? איז זי צו וויניג פרום פאַר אייך? זייט איר טאַקע פאַרשפאַרט אין די אהלי יעקב און איר גייט גאַרניט אַרויס אין דער גרוי־סער „שדה״, כדי אויסצואיבען אַן השפעה? און לאָמיר פרעגען אייך אַביסעל סאַרקאַסטיש: זיינען די אַמעריקאַנער שולען, אפילו די, וועלכע האָבען גרויסע, הויכע מחיצות, אהלי יעקב, אָדער זיי געפינען זיך אויך אין „שדה״? זיינען אייערע פּרעזידענטען און אַנדערע שול־באַאַמטע אַלע שומרי שבת? זיינען ניט אייערע בר־מצוה פייערונגען אַביסעלע סעקו־לאַריזירט? דאַרפט איר אייך ניט באַנוצען זיך מיט פּאָליטיק כדי אָנ־צוהאַלטען אייער פּרעסטיזש און השפעה? איך קריטיקיר אייך, ח״ו, ניט. איך ווייס, אַז איר זייט די שומרי החומות, און ווען ניט איר, וואָלט אַ כוואַליע פון רעפאָרם פאַרטרונקען אַלץ. אָבער איך וויל אייך פרעגען: פאַרוואָס היטעט איר אַן זיך וואַקלען ווען עס קומט צו ארץ ישראל, און אייך דוכט זיך, אַז די שיטת ההתפשטות פון מזרחי, די שיטה פון „ראה

ריח בני כריח שדה אשר ברכו ה׳״ איז ניט ריכטיג? פלוצלינג ווערט איר צדיקים וועלכע האלטען פון צמצום, אנהענגער פון יעקב וואס איז נאר א יושב אהלים! אמת, עס זיינען געוועזן גדולי ישראל, וועלכע האבען אזוי געדענקט, אבער יענע גדולי ישראל זיינען געוועזן נאה דורשים ונאה מקיימים. זיי האבען געלעבט ווי נזירים; זיי זיינען געוועזן פרושים מן העולם הזה. אזוי האבען זיי דערצויגען זייערע קינדער און אזוי באמת האבען על פי רוב געלעבט זייערע אנהענגער. אבער איר, מיט קינדער אין אמעריקאנער קאלעדזשעס, מיט סערמאן מאניועלס, מיט בוק־רעוויוס, מיט טהאנקסגיווינג סוירוויסעס, מיט מיניסטעריאל אסאסיאיישאנס (איך קריטיקיר קיין זאך ניט) — געפינט זיך דאך אין „שדה״! ממילא פרעג איך אייך, פארוואס פארשטייט איר ניט די וויכטיגקייט פון אונזער ארבעט אין ארץ ישראל? פארוואס שטייט איר פון וויטנס? גלויבט מיר, אז דער מזרחי אין ארץ ישראל האט אין די לעצטע דרייצען יאר אויפגעטאן טויזנטער מאל מער ווי אלע רבנ׳ישע ארגאניזאציעס אין אמעריקע צו־זאמענגענומען. איך אפעליר צו מיינע תלמידים און חברים בכל מקום שהם אנצושליסען זיך אן מזרחי און אויך רעקרוטירען בעלי בתים פון זייערע קהילות פאר אונזער באוועגונג. טאג טעגלעך שיקט איר מיר צו שאלות אין א סך מקצועות התורה, אין איסור והיתר, גיטין, קידושין, גרות, שבת, תפלה, בית הכנסת, מלוה ולוה, טוען ונטען, וכו׳, וכו׳, און איר פארלאזט זיך אויף מיינע פסקים און הוראות. די פארמולירונג פון א ריכטיקער באציאונג צו ארץ ישראל איז פונקט אזא וויכטיקער ענין ווי אנדערע שאלות. אויך בנוגע דעם ענין קענט איר זיך סומך זיין אויף מיר. איך זאג אייך, אז אונזער באוועגונג איז גוט געענוג פאר אונז, אמעריקאנער סתם אידען און רבנים.

י

שובו בנים שובבים

דער דריטער און לעצטער בראשית־אמת פון אונזער באוועגונג דריקט זיך אויס אין אונזער אמונה אין דער אומצעשטערבארקייט פון קדושת ישראל און אין דער הבטחה פון רבש״ע, אז „סופם של ישראל לעשות תשובה״ ווי דער רמב״ם ברענגט עס אין פרק ז׳ מהלכות תשובה, הלכה ה׳: „וכבר הבטיחה תורה שסוף ישראל לעשות תשובה בסוף

גלותו ומיד הם נגאלים, שנאמר: „והיה כי יבואו אליך כל הדברים וכו, ושבת עד ה׳ א־לקיך ושב ה׳ ״. מיר גלויבען, אַז ווי טיף אַ איד זאָל ניט זיין פאַרזונקען אין חטא און אין גסות און אין חומריות, בלייבט נאָך אין אים ברענען דער נר ה׳ נשמת אדם, און מען טאָר קיינעם ח״ו ניט אָפזאָגען די מעגלעכקייט פון תשובה. חז״ל דערציילען, אַז ר׳ מאיר האָט געבעטען אחר׳ן בשעת ער האָט געריטען שבת אויפן פערד: „אף אתה חזור בך״, און אַז אחר האָט געענטפערט נאָכן בבלי: „כבר שמעתי מאחורי הפרגוד שובו בנים שובבים חוץ מאחר״, און נאָכן ירושלמי [10]: „פעם אחת רוכב הייתי על הסוס ביום הכיפורים שחל להיות בשבת אחורי בית קודש הקדשים ושמעתי בת־קול: ׳שובו בנים שובבים, חוץ מאלישע בן אבויה׳ וכו׳ ״. גלויבט איר, אַז אחר האָט גוט געהערט און ריכטיג פאַרשטאַנען דעם בת־קול? חס ושלום! ווי קען אַ בת־קול פסק׳ענען קעגן די יסודות פון דער אידישער אמונה, קעגן דער הלכה פון „אפילו כפר בעיקר כל ימיו ועשה תשובה באחרונה, מקבלין אותו, שנאמר: ׳תשב אנוש עד דכא׳ — עד דכדוכה של נפש״. ווי האָט דאָס בת קול געקענט אָפשטופען דעם גרויסען תנא שהציץ ונפגע? ער האָט דאָך פאַרט געהערט אַ בת קול. ער האָט עס דאָך דערציילט זיין באַליבטען תלמיד, רבי מאיר׳ן. אחר וואָלט דאָך ניט דערציילט קיין ליגען. וואָס האָט דאָס בת קול געוואָלט פון אים, פון דעם טיף־פאַרפלאָנטערטען און טראַגיש פאַרפירטען תנא?

נאָך עפּעס מוזען מיר פרעגען. ממ״נ, האָט דאָס בת קול ניט געוואָלט אַז אחר זאָל טאָן תשובה, האָט ער דאָך ניט געדאַרפט אין גאַנצען זיך באַשעפטיגען מיט אים. פאַרוואָס האָט דאָס בת קול אָנגעהויבען מיט דערמונטערונגס ווערטער „שובו בנים שובבים״ און חותם געווען מיט דער שרעקלעכער פאַרדאַמונג פון „חוץ״? דאָס בת קול האָט זיך דאָך ניט גערייצט, ח״ו, מיט אַן אָפּטריניגען תנא?

מיר דוכט זיך, אַז דעם אמת׳ען אינהאַלט פון דעם בת קול קענען מיר געפינען אין דעם שינוי נוסחאות פון בבלי און ירושלמי. ווי האָט דאָס בת קול זיך געווענדעט צו דעם חוטא? ווי האָט דאָס בת קול אים אָנגערופען? אלישע בן אבויה, מיט זיין אמת׳ען נאָמען, אָדער אחר, מיט דעם פסעוודאָנים? דער ענטפער דערויף איז זייער אַ פשוט׳ער. די ווערטער פון ליבע און צאַרטקייט „שובו בנים שובבים״ זיינען זיכער

---

[10]) עיין מדרש רבה, רות ו׳, ד׳. וואו די נוסחה איז: רוכב הייתי על הסוס ומטייל אחורי בית הכנסת ביוה״כ שחל להיות בשבת וכו׳.

געווען אַדרעסירט צו אלישע בן אבויה. אים האָט דאָס בת קול גערופען, געבעטען, געשלעפּט צו זיך; אים האָט די שכינה געצערטעלט ווי אַ מאַמע וואָס געפינט אַלע מאָל אַ זכות אויף איר זון. דאָס שאַרפע וואָרט „חוץ" האָט זיך באַצויגען צו אחר'ן ניט אלישע בן אבויה. דער בבלי גיט איבער דעם ריכטיגען נוסח פון דעם בת קול. די שכינה האָט געוועקט און גע־צויגען צו זיך אלישע בן אבויה, אָבער געטריבען און געיאָגט האָט זי אחר'ן. פאַרוואָס? ווייל דער אמת'ער תנא, דער חכם מחכמי ישראל, וועמען רבי ציטירט אין פּרקי אבות — האָט קיינמאָל ניט געזינדיגט, קיינמאָל ניט פאַרראַטען די כנסת ישראל, זיך קיינמאָל ניט גע'חבר'ט מיט די רוימער, קיינמאָל ניט געוואָלט אָפּרייסען אידישע קינדער פון תורה און יראת שמים. בוגד געווען האָט אַן אַנדער פּערזאָן, אחר. די בגידה איז געקומען אויף אַ מערקווירדיגען אופן. אלישע בן אבויה האָט זיך אין פרימאָרגען ניט דערקענט; ער האָט געמאַכט אַ פאַטאַלען טעות בנוגע זיך. אַ גלגול, אַ שוואַרצע העסלעכע נשמה האָט זיך אַריינגעקליבען אין אלישע בן אבויה, אים פאַר'כישופ'ט און איבערצייגט אַז ער איז ניט דער תלמיד פון די חכמי המסורה, אַז ער האַסט אַלץ וואָס איז הייליק, אַז די כנסת ישראל איז ניט זיין מוטער, אַז איר עתיד איז ניט זיינער. פלוצלונג איז אלישע בן אבויה געפאַנגען געוואָרען דורך אחר'ן, וועלכער האָט זיך פאַרשטעלט אַלס דער אַמאָליגער תנא. דער אחר איז אַנטלאָפען פון בית המדרש. פון דעם אחר'ס קעשענעס פלעגען אַרויספאַלען ספרי מינים, דער אחר האָט מחלל שבת געווען און פלעגט אָפּשפּאָטען פון אַלץ, וואָס איז געווען הייליג און טייער. אָבער דער אמת'ער אלישע בן אבויה, פאַרבאָרגען אין די מעמקים פון דער פּערזענלעכקייט, האָט קיינמאָל ניט פאַרראַטען דעם רבש"ע און דער כנסת ישראל. ער איז נאָר געווען אַ שבוי ביי אַ פּסעוודאָ־פּערזענ־לעכקייט, ביי אחר'ן. איין מאָל, אַ יום כיפּור שחל להיות בשבת, איז אחר משוגע געוואָרען, איז אַרויף אויפן פערד בפרהסיא, און בליץ שנעל האָט אים דער פערד געטראָגען דורך אידישע ישובים. זיין רייטען האָט אָפּ־געהילכט איבער די פּוסטע גאַסען פון שטעט און דערפער אין ארץ ישראל. אידען האָבען אַרויסגעקוקט פאַרוואונדערט פון די פענסטער פון די בתי מדרשים. ווער איז עס דער גס רוח, וועלכער צעשטערט די הייליגע רו פון שבת שבתון? — האָבען זיי געפרעגט, ערשטוינט און צעטומעלט, איינער דעם אַנדערען. פלוצלינג איז עפּעס מערקווירדיגעס געשען. זיין דעם טראַגיש־פאַרפלאָנטערטען תנא, אין דער פאַר'כשופ'טער פּערזאָן, האָט אויפגעוואַכט אלישע בן אבויה. אַ פּראַכטפולע נשמה, וואָס איז לע־טאַרגיש געשלאָפען אין מעמקי הנפש, האָט אויפגעוואַכט. זי האָט זיך

אויפגעכאַפּט אויף אַ מאָמענט און אַ שטופּ געטאָן אחר׳ס האַנט ער זאָל אַ קירעווע טאָן דאָס פערד צום קודש הקדשים.

פאַרוואָס זאָל אחר פלוצלונג פאַרביירייטען דעם קדש הקדשים דוקא יוה״כ, ווען ער איז מחלל בפרהסיא? אחר האָט זיך אַליין גע־וואונדערט, פאַרוואָס עס ציט אים צום קודש הקדשים דוקא אין דעם טאָג וואָס איז אַזוי ענג פאַרקניפּט מיט דעם הייליקען פּלאַץ. פלוצלונג האָט די געפאַנגענע נשמה, בת מלך אסורה ברהטים, אָנגעהויבען מאָנען פון אים, ער זאָל איר דערקענען, „הכר נא: הכתנת בנך היא״; אלישע, דו ביסט ניט קיין אחר! די שוואַרצע נשמה וואָס האַלט דיך געפאַנגען, פאַרצויבערט, איז ניט דיין פריינד, נאָר דיין ערגסטער שונא; אלישע: אידענטיפיציר זיך מיט מיר, מיטן גאַנצען עבר, מיט דיינע רביים, מיט דיינע חברים. קום צו מיר, טרייב אַוועק אחר׳ן, אחר איז ניט דו, ער איז דער טייוול אַליין.

קום צוריק, „שובו בנים שובבים, שובה ישראל״! דו זעסט דאָך, אַז דיך ציט צום ק״ק ווי מיט אַ מאַגנעט. אלישע, עס איז יוה״כ היינט, דער רבש״ע וואַרט אויף אַלעמען, אַז זיי זאָלען קומען צו אים; אלישע, הערסטו ניט דעם בת־קול וואָס בעט זיך ביי דיר דו זאָלסט טאָן תשובה. דו רייטסט איצט פאַרביי דעם קה״ק — געדענקסט, ווי דער רבי פלעגט דערציילען וועגען די עבודת כהן גדול, ווי ער פלעגט נאָכזינגען דעם ווידוי פון כהן גדול; אלישע, דערקען זיך, הער זיך איין צום בת־קול: שובו בנים שובבים, שובה ישראל.

און אלישע בן אבויה האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע און האָט דערהערט דעם בת־קול: שובו בנים שובבים, שובה ישראל — חוץ מאחר. געמיינט האָט דער בת־קול, אַז אלישע בן אבויה זאָל זיך אָפּטרייסלען פון „אחר״, פון זיין פּסעוודאָ־פּערזענלעכקייט, פון זיין פאַלשער אידענ־טיטעט. קום צו מיר, צעלאָזענער זון; לאָז אחר׳ן איבער אין דרויסען. אָבער דער טראַגישער גורל האָט גורם געווען, אַז אלישע בן אבויה האָט אַ טעות געהאַט און אָנשטאָט חוץ מאחר האָט ער דערהערט זיין נאָמען בפירוש: חוץ מאלישע בן אבויה, ווי דער ירושלמי באַריכטעט. ער האָט געמיינט, אַז „אחר״ און ער זיינען איינס און ער, אלישע בן אבויה, קען ניט איבערלאָזען אחר׳ן אַליין. ער האָט אַ שמיץ געטאָן דעם פערד און פאַרשוואונדען, און אין דעם מאָמענט איז נעלם געוואָרען די ריינע גע־שטאַלט פון אַ גרויסען תנא, וואָס האָט זיך ניט געקענט. דער ירושלמי פירט אויס: „שידע את כחי ומרד בי״, איר ווייסט פאַרוואָס האָט אלישע

בן אבויה מורד געווען אין בורא עולם טראַצדעם וואָס ער איז געווען אַזוי גרויס אין תורה? ווייל דער תנא האָט נישט פאַרשטאַנען זיין אייגענעם כח און האָט זיך אַליין פאַראַטען. לא ידע את כחו ומרד בעצמו.[11] די אייגענע איך־אומוויסענהייט און זעלבסט־מיסרעפּרעזענטירונג האָבען גורם געווען דעם טראַגישען חטא.

יע, רבותי: מיר האָבען יאָרנלאַנג מיטגעאַרבעט מיט חפשים, מיט בעלי עברות, ווייל אין יעדען חפשי האָבען מיר געזען די אחר־טראַגעדיע; אין יעדען חפשי, גלויבען מיר, געפינט זיך געפאַנגען אַן אלישע בן אבויה וועלכער כאַפּט זיך אויף פון צייט צו צייט און מאָנט, און פּראָטעסטירט, און לויפט צום קודש הקדשים, אַפילו ווען ער רייט אויפן פערד ביוה״כ שחל להיות בשבת. ווען ניט די עקזיסטענץ פון אַן אלישע בן אבויה אין יעדען פון זיי, וועלכער שטופט זיי צום קודש קדשים, וואָלטען זיי דאָך זיך ניט מקריב געווען פאַר ארץ ישראל און דעם ישוב. אַ סך מאָל קעמפען מיר ביטער געגען די אחרס; מיר ראַנגלען זיך מיט זיי עקשנות׳דיג און פאַר־ביסען, ווייל די אחרס טוען אַן אַ סך שלעכטס. אָבער אפילו ווען מיר שטייען בקשרי המלחמה, האָבען מיר קיינמאָל ניט פאַרגעסען, אַז אין אָט־די אַלע אחרס זיצען בסתר, במעמקים, אלישע בן אבויהס, וועלכע וועלען סוף־כל־סוף דערוואַכען און וועלען זיך מטהר זיין. אמת, אַ סך מאָל וועלען זיי פאַרביירייטען דעם ק״ק און ניט פאַרשטיין דעם בת־קול. זיי וועלען זיך ניט קענען אידענטיפיצירען מיט קדושה און מסורה. די אלישע בן אבויה׳ס וועט זיך דוכטען, אַז זייער וועג צום רבש״ע איז אָפּגעשלאָסען און אַז קיין צוריק איז ניטאָ; אחר וועט זיי אַזוי איינ־שמועסען. אחר איז דאָך אַ גרויסער לאָגיקער און דיאַלעקטיקער! אָבער עס וועט קומען דער טאָג, דער ביום ההוא, ווען דער בת־קול פון „שובו בנים שובבים חוץ מאחר״ וועט אָפּהילכען קלאָר און דייטלעך און דער אַלטער אַלישע בן אבויה וועט אויפטויכען ממעמקים.

דאַמאָלט וועט געשען דער גרויסער נס: „וכל בניך למודי ה׳ ורב שלום בניך״.

---

11) האָט אחר סוף כל סוף דערהערט דעם בת קול פון שובו בנים וכו׳? האָט ער תשובה געטאָן? פון בבלי, חגיגה דף ט״ו, ע״ב, ווייזט אויס, אַז ניין, און אַז ער איז געשטאָרבען אַ חוטא. „כי נח נפשיה דאחר אמרי לא מידן לידייניה ולא לעמלא דאתי ליתי וכו׳״. אין ירושלמי חגיגה פ״ב, ה״א, ווערט דערציילט אַ ביסל אַנדערש „לאחר ימים חלה אלישע וכו׳ תשב אנוש עד דכא עד דכדוכה של נפש מקבלין. באותה שעה בכה אלישע ונפטר והיה ר״מ שמח בלבו ואומר דומה שמתוך תשובה נפטר ר׳״.